בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת מקץ תשע"ח | שבת חנוכה | גליון 436 [שנה י']

**פארוואס האט פרעה נישט אנגענומען דעם פתרון פון די חרטומים?**

וַיִּיקַץ פַּרְעֹה וְהִנֵּה חֲלוֹם: (מא ז) פירש רש"י: וְהִנֵּה נִשְׁלַם חֲלוֹם שָׁלֵם לְפָנָיו והוצְרַךְ לְפוֹתְרִים: שטייט נאכדעם (פסוק ח) וַיְהִי בַבֹּקֶר וַתִּפָּעֶם רוּחוֹ וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת־כָּל־חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וְאֶת־כָּל־חֲכָמֶיהָ וַיְסַפֵּר פַּרְעֹה לָהֶם אֶת־חֲלֹמוֹ וְאֵין־פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה: אויף דעם זאגט רש"י: פותרים היו אותם, אבל לא לפרעה, שלא היה קולן נכנס באזניו, ולא היה לו קורת רוח בפתרונם, שהיו אומרים שבע בנות אתה מוליד, שבע בנות אתה קובר: פרעגן אלע פון וואו האט פרעה געוואוסט אז זייער פתרון איז נישט ריכטיג אז ער האט געדארפט רופן יוסף? נאר –מו"ח הגאון רבינו יוסף ב"ר בצלאל פרעסבורגער זי"ע נפ' כ"א כסלו– דער בעל תפארת יוסף איז מפרש אז די צוויי ווערטער וְהִנֵּה חֲלוֹם, גייט ארויף וואס עס שטייט נאכדעם אז פרעה האט געזען איז זיין חלום אז וַיִּיקַץ פַּרְעֹה ער האט גע'חלומ'ט אז ער איז אויף געשטאנען און גערופן די חרטומי מצרים און זיי דערציילט זיין חלום און זיי האבן נישט געהאט וואס צו פותר זיין, דאס איז געווען אין זיין חלום ממילא ווען ער איז אויף געשטאנען האט ער שוין געוואוסט פון זיין חלום אז די חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וועלן נישט האבן די פתרון דעריבער איז ער געווען בצער ביז דער שר המשקים האט געזאגט אֶת־חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם און געברענגט יוסף. (בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

**וואס איז געווען די חשבון פון כי אם זכרתני והזכרתני?**

וַיְדַבֵּר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת־פַּרְעֹה לֵאמֹר אֶת־חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם: (מא ט) דער שר המשקים האט געזאגט אז ער האט געזינדיגט צו פרעה מיט דעם וואס ער האט אים ביז יעצט נישט דערציילט פון זיין חלום און דער חלום פון שר האופים: וְשָׁם אִתָּנוּ נַעַר עִבְרִי עֶבֶד לְשַׂר הַטַּבָּחִים וַנְּסַפֶּר־לוֹ וַיִּפְתָּר־לָנוּ אֶת־חֲלֹמֹתֵינוּ אִישׁ כַּחֲלֹמוֹ פָּתָר: און וַיְהִי כַּאֲשֶׁר פָּתַר־לָנוּ כֵּן הָיָה, אֹתִי הֵשִׁיב עַל־כַּנִּי וְאֹתוֹ תָלָה: (שם יא–יב) שטייט אין חז"ל אז פרעה האט גשיקט זיינע קנעכט זיי זאלן הרגנע'ן דעם שר המשקים ווייל ער האט גורם געווען צער צו פרעה מיט אים נישט גלייך דערציילן פון יוסף וואס איז א גוטער פותר חלומות. אויב אזוי איז דאך שווער לויט דעם וואס מען האט געהרגעט דעם שר המשקים, אז יוסף האט דאך פותר געווען אז דער שר המשקים וועט בלייבן לעבן און דא זעהט מען אז מ'האט געהרגעט דעם שר המשקים? נאר יוסף האט אזוי געזאגט צום שר המשקים און דאס זעהט מען אין דעם פסוק ענדע וישב: וְנָתַתָּ כוֹס־פַּרְעֹה בְּיָדוֹ כַּמִּשְׁפָּט הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר הָיִיתָ מַשְׁקֵהוּ: אויב דו וועסט אויסהיטן דעם תנאי און גלייך זאגן פאר פרעה אז יוסף קען פותר חלומות זיין וועסטו בלייבן לעבן, דאס מיינט, כִּי אִם־זְכַרְתַּנִי אִתְּךָ כַּאֲשֶׁר יִיטַב לָךְ וְעָשִׂיתָ־נָּא עִמָּדִי חָסֶד, וועסט באלד דערציילן פרעה אז יוסף איז א פותר חלומות, אבער אויב עס וועט זיין וְהִזְכַּרְתַּנִי אֶל־פַּרְעֹה, אנדערע וועלן מיר דערמאנען צו פרעה אלץ א פותר חלום, און נישט דו אליין, דעמאלטס וועסטו נאר האבן די זכיה מיר ארויסנעמען פון די תפיסה, אבער דו וועסט נישט בלייבן ביים לעבן, און די גוטע פתרון וועט נישט זיין. מיט דעם איז גוט דער מדרש (בראשית רבה פפ"ט ג) אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר־שָׂם ה' מִבְטַחוֹ זֶה יוֹסֵף, ולא פנה אל רהבים על ידי שאמר לשר המשקים זכרתני והזכרתני, ניתוסף לו ב' שנים. איז דער פשט אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר־שָׂם ה' מִבְטַחוֹ זה יוסף: ווייל יוסף האט געהאט אמת'ע בטחון נאר אין אויבערשטן, און די קשיא פון זְכַרְתַּנִי וְהִזְכַּרְתַּנִי מיינט דאס א אנדערע כוונה אז יוסף האט געמיינט גאר די טובה פון שר המשקים כדי ער זאל בלייבן לעבן אזוי ווי פריערט געזאגט. (שמח זבולון תשע"ח געבויט אויפן ספר בן לאשרי)

**דער חילוק פון ואין פותר און ואין מגיד**

וַיְסַפֵּר פַּרְעֹה לָהֶם אֶת־חֲלֹמוֹ וְאֵין־פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה: (מא ח) דארף מען פארשטיין פארוואס דא זאגט פרעה "וְאֵין־פּוֹתֵר" מען פארטייטשט מיר נישט מיין חלום, און שפעטער שטייט (מא כד) וָאֹמַר אֶל־הַחַרְטֻמִּים וְאֵין מַגִּיד לִי: מען זאגט מיר נישט וואס דער חלום מיינט, פארוואס שטייט נישט דא וְאֵין מַגִּיד לִי? נאר מיר טרעפן אז נבוכדנצר האט געהאט א חלום און איז געקומען צו דניאל ער זאל פותר זיין דעם חלום שטייט אז דניאל האט געבעטן פון נבוכדנצר ער זאל אים געבן צייט צו טרעפן א פתרון, און האט דארטן מסכים געווען צו ווארטן, אבער פרעה האט נישט געוואלט ווארטן אויף א פתרון נאר עס האט אים געדריקט אז מען זאל אים גלייך זאגן א פתרון, דאס מיינט פּוֹתֵר. און מַגִּיד מיינט מען קען זאגן שפעטער, דאס איז די חילוק פון וַאֲנִי שָׁמַעְתִּי עָלֶיךָ לֵאמֹר, אַז תִּשְׁמַע חֲלוֹם און גלייך לִפְתֹּר אֹתוֹ: ווייל ביי די מצריים איז געווען וְאֵין־פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה, גלייך צו זאגן. אבער די חַרְטֻמִּים האבן געזאגט זיי וועלן טרעפן א פתרון אבער עס וועט געדויערן צייט, דאס מיינט וָאֹמַר אֶל־הַחַרְטֻמִּים וְאֵין מַגִּיד לִי, זאגן יעצט, נאר זיי בעטן מיר צייט צו פותר זיין, און איך ווייס אז דו יוסף וועסט מיר גלייך קענען פותר חלום זיין, און איך וויל שוין וויסן דעם פתרון. (בֶּן לְאָשְׁרִי – ר' יצחק הוברמן זצוק"ל המקובל מרעננה תלמיד שם משמואל סאכאטשוב)

**ווי האט פרעה פארשטאנען אז יוסף איז דער גרעסטער חכם?**

הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹהִים בּוֹ: וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף אַחֲרֵי הוֹדִיעַ אֱלֹהִים אוֹתְךָ אֶת־כָּל־זֹאת אֵין־נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ: (מא לח– לט) ברענגט רש"י פון מדרש הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ: אויב מען וועט גיין אין די גאנצע וועלט וועט מען אזא חכם נישט טרעפן. פרעגן די מפרשים פון וואנעט האט פרעה געוואוסט אז עס איז נישטא נאך אזא חכם אין די גאנצע וועלט? נאר פרעה האט געזען אז יוסף איז געווארן גרויס דורך די חלום פון פרעה, און דער חלום האט יוסף אפגעטייטשט מיט אלע פרטים סיי די שני השובע אבער בעיקר די שני הרעב וואס יוסף האט געזאגט אז אפילו די וואס וועלן באהאלטן זייערע תבואה וועלן אויך פארפוילט ווערן און נאר ביי יוסף וועט מען קענען קומען קויפן תבואה און פרעה האט שוין איינגעזען אז דאס איז דער אמת'ער פתרון, ממילא קען נישט זיין א אנדער חכם אזוי ווי יוסף אין די גאנצע וועלט, ווייל נאר יוסף וועט וויסן מיט זיין חכמה ווי צו האלטן די תבואה פריש און קיינער אנדערש, איז א ראי' אז יוסף איז דער גרעסטע חכם אין די וועלט. (תנופה לחיים – ר' חיים פאלאז'י)

**רמז לחנוכה די שייכות פון פרשת מקץ צו חנוכה**

**ביי חלום פרעה שטייט אז זיבן מאגערע פָּרוֹת האבן געעסן זיבן פְּטֵעַ פָּרוֹת. און ביי חנוכה איז געווען – מָסַרְתָּ גִיבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים.**

**ביי חלום פרעה שטייט אז שֶׁבַע שִׁבֳּלִים עֹלוֹת בְּקָנֶה אֶחָד, דאס איז דער רמז צו די מנורה וואס האט שבעה קָנִים און איז געווען פון מִקְשָׁה אַחַת.**

**שטייט (מג טז) וּטְבֹחַ טֶבַ"ח וְהָכֵן" איז די אותיות חנוכה (ברוך שאמר)**

# *** מדור העובדות ***

## דער הייליגער מגיד פון מעזריטש ווארט ביז האלבע נאכט צו צינדן די מנורה

עס איז געווען די ערשטע נאכט פון חנוכה און די תלמידים און חסידים האבן זיך געשטופט און געווארט אויף די מינוט ווען דער הייליגער מגיד פון מעזריטש וועט ארויסקומען פון זיין צימער און זיך גרייטן צו צינדן די הייליגע חנוכה לעכט אין זיין גאר אלטע מנורה פון זיינע זיידעס. עס גייט אריבער א שעה און נאך א שעה און דער מגיד קומט נישט ארויס פון צימער. די חסידים האבן שוין גערעדט צווישן זיך אז היות ווי די לעצטע פאר יאר האט דער רבי מכבד געווען דעם היילגן רבי ר' זושא אנצינדן די ערשטע לעכט און דער רבי מן הסתם ווארט אויף ר' זושא. אבער די קשיא איז היתכן וואו איז ר' זושא? אלע האבן געוואוסט אז ר' זושא פלעגט ארויספארן גלייך נאך סוכות און מחזק זיין אידן אין די פארווארפענע דערפלאך און דערלייכטן זייערע נשמות און זיי דערציילן סיפורים צו מחזק זיין זייערע אמונה און בטחון, און נאנט צו חנוכה האט ר' זושא געענדיגט די עבודה און זיך געקערט קיין מעזריטש צו זיין ביי זיין רבין ווען ער צינדט די חנוכה לעכט, און בפרט אז דער רבי האט אים גאר מכבד געווען מיטן צינדן.

עס איז שוין געווארן נאנט צו חצות און דער הייליגער מגיד קומט ארויס פון זיין צימער און זיין פנים קאכט זיך און שיינט און דער הייליגער מגיד גייט צו זיין מנורה און גרייט אן די קנויטן און שמן און דער רבי ווינקט פאר איינעם פון די תלמידים ער זאל אנצינדן דעם שַמָש און דער מגיד קוקט ארום אזוי ווי זאגענדיג זושא וועט שוין היינט נישט קומען! און דער מגיד דערנענטערט זיך און מאכט די ברכות און צינדט אן די מנורה. ערשט אינדערפרי נאך וואס מען האט געענדיגט שחרית האט זיך די טיר געעפנט און ר' זושא קומט אריין מיט א רוהיגקייט און לייגט אוועק זיין פעקל און די חברייא קומען צו און געבן אים שלום און זאגן אז דער הייליגער מגיד האט געווארט אויף אים און זיי פרעגן מיט וואונדער וואו איז ער געווען? האט ר' זושא געענטפערט אז אויף דער נאכט וועט דאך דער רבי פירן א טיש נאכן צינדן און דעמאלטס וועט ער דערציילן וואס איז געשען און פארוואס ער האט זיך פארשפעטיגט!

טאקע באנאכט איז דער רבי ארויסגעקומען אין צייט צו צינדן די לעכט און דער מגיד ווינקט פאר ר' זושא און איז אים מכבד מיטן צינדן די מנורה און מיט יראת הכבוד צינדט אן ר' זושא די צוויי לעכט. נאכן צינדן האט דער מגיד זיך געזעצט צום טיש, און אנגעהויבן די זמירות פון חנוכה. נאכן ענדיגן זאגט דער מגיד פאר ר' זושא צו דערציילן וואס איז געשען מיט אים! עס איז נישט געווען גרינג צו דערציילן אנקעגן זיין הייליגן רבין אבער דער רבי הייסט אים דערציילן און ער הויבט אן:

איר ווייסט דאך אז איך פאר יעדן יאר נאך סוכות און פאר חנוכה ענדיג איך און איך קער זיך קיין מעזריטש, דעם יאר איז געווען א דערהויבענע צייט און אסאך אידן האב איך געטראפן און זיי מחזק געווען און אינמיטן כסלו הויב איך אן צו גיין אבער פונקט האט זיך געמאכט שווערע רעגנ'ס און נאכדעם איז געווארן גאר קאלט און א שניי שטורעם האט זיך געלייגט אז עס איז געווען אומעגלאך צו גיין. ווען עס האט זיך אפגעלאזט דער שטורעם בין איך ווייטער געגאנגען מיט די פיס און ביז נעכטן האב איך שוין געווען א פאר שעה ווייט פון מעזריטש ווען א שטארקע שניי האט זיך ווייטער געלייגט און מיט די גרעסטע כוחות פרובירט צו גיין אבער עס איז נישט געווען מעגלאך, האב איך זיך דערמאנט אז נישט ווייט וואוינט מיין ידיד ר' יעקב און איך גיי צו זיין הויז און קלאפ און מען ענטפערט נישט אבער נאך א לאנגע צייט קלאפן האט מען געפרעגט ווער קלאפט? און ווען איך האב געענטפערט: "זושא", האט זיין פרוי געעפנט די טיר און איך זע ווי זי וויינט און איז פאר דאגה'ט, פרעג איך איר וואס איז געשען? האט זי געענטפערט אז איר מאן איז געגאנגען צו די ארבעט און ער איז נאך נישט אהיים געקומען און זי האט מורא עפעס איז געשען מיט אים און די קליינע קינדער האבן אויך אנגעפאנגן צו וויינען.

איך האב נישט געוואוסט וואס צו טאן! איך וויל גיין קיין מעזריטש אבער די בכיות פון די פרוי און קינדער האבן מיר אנגעווארעמט צו זען וואס איך קען העלפן, און געפרעגט די פרוי וואו איז די וועג וואס ער גייט? און ווען זי האט מיר געוויזן האב איך זיך ארויס געלאזט מיט מסירת נפש און געגעבן א תפילה צום אויבערשטן, און אינמיטן וועג זע איך א בארג פון שניי און איך האב פארשטאנען עפעס ליגט דארטן און ווען איך שייער אוועק די שניי זע איך ר' יעקב ליגט א פארפרוירענער, איך האב געזען אז ער האט נאך א אטאם און מיט מיינע לעצטע כוחות האב איך אים געשלעפט אויף מיינע פלייצעס צו זיין הויז און מען האט אים געווארעמט און געברענגט צו די כוחות, דערווייל איז שוין געווען נאנט צו האלבע נאכט ווען ר' יעקב איז געקומען צו זיך און מען איז געגאנגען דעמאלט'ס צינדן די מנורה מיט א מורא'דיגן שבח והודאה מיטן נס וואס איז געשען, די צינדן איז געווען מיט אזא ווארעמקייט מיט ר' יעקב און זיינע קינדער ארום אים און איך האב זיך געפריידט אז איך האב זוכה געווען צו ראטעווען די שטוב! אבער אין מיין הארץ איז אבער געווען אז איך צינד יעצט אן דעם רבי'נ'ס מנורה!! ביי מיר איז שוין געווען קלאר אז איך האב געטאן די ריכטיגע זאך!

דער הייליגער מגיד האט געגעבן א ליבליכן קוק און א שמייכל איז ארויף אויף זיין הייליגער פנים און האט געזאגט: טייערע זושא אין הימל האט מען געווארט ביז דו האסט אנגעצונדן צוזאמען מיט ר' יעקב, און אויף דעם האב איך אויך געווארט, דער זכות פון יענע מצוה וועט דיר ביישטיין און דיין נשמה איז געשטיגן גאר הויך וועגן דעם, פון די אורות פון אזא חנוכה לעכט. און דער מגיד האט געהייסן מען זאל גיין אין א טאנץ וואס איז געווען מיט גרויס שמחה. ווי חשוב איז געווען די מצוה אז אין הימל האט מען אויך געווארט זיע"א!

> **אין חנוכה איז מען פארנומען מיט די קשיא פון בית יוסף** – אז די נס איז געווען זיבן טעג און פארוואס מאכט מען אכט טעג? – **שטייט א רמז: ווייל אין פרשת מקץ שטייט** (מג יח) **אז די ברידער "הוּבְאוּ בֵּית יוֹסֵף" !**

מיר ווינטשן אלע א פרייליכן און א לעכטיגער חנוכה

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן***

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000 יו"ד עם ביאור הגר"א דפו"ר $1600, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $1500 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500, **דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל**

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store. on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***